IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**דער מאַרש צו די גויים • The March to the Goyim**

by Jacob Glatstein, translation by Saul Noam Zaritt

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (January 2017)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/the-march-to-the-goyim]

# דער מאַרש צו די גויים

# The March to the Goyim

Jacob Glatstein
Translated by Saul Noam Zaritt

**Introduction:** By the mid-1930s Jewish writers in the US experienced a new surge in popularity. Not only were Jewish writers in English like Mary Antin, Anzia Yezierska, Edna Ferber, Fannie Hurst, and Abraham Cahan gaining notoriety, but increasingly many Yiddish writers were becoming known in translation. In this period I.J. Singer's *The Brothers Ashkenazi* and Sholem Asch's *Salvation* became popular bestsellers and Asch was even nominated for a Nobel Prize. Several Yiddish writers attempted to follow their footsteps into (short-lived) glory, in search of financial gain but also out of a sense that Yiddish-speaking audiences were disappearing and that translation and the institutions of world literature could offer some sort of salvation. In response to these trends, the writer and critic Jacob Glatstein penned the following essay, printed in the prominent Yiddish modernist journal *In zikh* in 1935. Glatstein was a leading figure among the self-proclaimed "introspectivists" of Yiddish literature, a movement modeled on various forms of transnational modernism yet especially devoted to the often untranslatable particularities of Yiddish. Glatstein pulls no punches in his vicious critique of those writers who attempt to "save themselves from their Jewishness" (*rateven zikh fun yidishkayt*) by running off to translators and publishers. Asch in particular gets blasted for stooping to the lifeless Esperanto of translation; Glatstein finds Asch's popular novels to be at best a sentimentalized and nostalgic portrayal of Jewish life for acculturated audiences, or at worst dishonest rootless writing. Taking this argument to its extreme, Glatstein believed that such bland universalism actually produced fascism. And yet, in this essay Glatstein still imagines an alternative form of world literature that would, paradoxically, reject translation. Glatstein argues that when translation remains an impossible problem, rather than a constitutive element in the writing and reading of a text, then one is closer to a truly valuable and worldly literary object. Glatstein's proposal, couched in a bitter critic's artful parody, seems to present an impossible utopia. But in light of pressing contemporary discussions of globalization and the rise of world literature theory and translation studies in the academy, Glatstein's messianic vision of world writing become all the more relevant as a potential model for a world literature to-come.

# The March to the Goyim

The first question, or almost the first question, that Bergelson asked me, before he had time to get to know me officially, was: "They tell me that you know your way around English books. So how can I get *Mides hadin* translated into English?"[1]

We then had a conversation about the English press, translation, success, bestsellers, accessibility, and the wide-open doors to the big world.

This is no sin. A writer is allowed to think about the huge audiences that could come to drink from his fountain. Truthfully though, I thought that such things should be done in a more modest manner. I imagine a great Yiddish writer somewhere in Minsk, Pinsk, Lodz, Lublin, or Chelm, and a great world-sage and world-translator in the middle of the crater of the Popocatépetl.[2] Between the two there would be no contact save for "heart vibrations," and suddenly the world-translator would knock on the lowly door of the lonely writer, bow his gentile, over-six-feet-tall figure, take off his top hat and fall to the writer's feet: "Oh, greatest of great Israelite authors! The world awaits your Yiddish word!" With tears of joy the writer would fall into the arms of the world-translator and they would both sing "Oyd loy ovdo tikvoseynu," our hope is not yet lost.[3]

But it appears that such a thing must actually happen in a somewhat different manner, since while waiting for the world-translator, Yiddish literature, to this day, has only given the world Sholem Asch.[4] (Though here one should add to the equation current machine-made and automatic transpositions into Russian, Red-Russian and White-Russian of Yiddish writers "in good standing.") Sholem Aleichem is quite popular in Soviet Russia but Menachem-Mendl has not yet become a concept that is known the

---

[1]David Bergelson was a central innovator in Yiddish fiction at the turn of the century. This anecdote likely refers to the period in which Bergelson was writing *Mides hadin* (1929), which was one of Bergelson's first attempts to write more in a Soviet mode (though still in keeping with his idiosyncratic style) following an earlier period in his career often described as impressionist. Bergelson visited America, where he met with Glatstein, from November 1928 to May 1929, just as his novel was appearing in Yiddish in Kiev. Much of Bergelson's work remains untranslated, in particular works from his Soviet period, though *Mides hadin* will shortly appear (September 2017) with Northwestern University Press as translated by Sasha Senderovich and Harriet Murav.
[2]Popocatépetl is an active volcano in Mexico.
[3]These are words from the *Hatikva*, which would become the Israeli national anthem. In 1935 the poem was already the Zionist anthem.
[4]Sholem Asch was the first world-renowned Yiddish author. While beginning as a disciple of Peretz in Warsaw at the turn of the century, he quickly had his work translated into Russian and German to much fanfare. By the 1930s, a new novel of his was published annually in English and German and several became bestsellers. He was consistently nominated for the Nobel Prize in literature in the 1930s but was never awarded the prize.

world over; and even though it is said that Morris Rosenfeld has been translated into Japanese, I have yet to meet a Japanese person who would with his "Ohayou gozaimasu" (good morning in Japanese) or with his "komban va" (good evening) fall upon my neck with kisses because of our "shared" Morris Rosenfeld.[5]

As for Sholem Asch, I've heard tell that he never lived very far from his translator, certainly nothing compared to the distance between Kutno[6] and Addis Ababa. How many contacts, how many back doors, how many favors did the young Asch need to procure before Gorky patted him on the shoulder saying, "Sholem Asch, I leave the rest for your biographers."[7] All of this is already history though, and Asch is now Asch, the one and only, the anointed one. In the overlooked literature of Yiddish there are many little Asches wandering about that would die for someone to let the world know they exist. I even know of some writers who send their books to Asch thinking that maybe he will have pity on them and tell the goyim that they actually exist. But Asch also knows how to keep quiet, he can keep a secret; and it makes him feel just fine to look down upon his beloved but talentless people of Israel.

When the feelings of the "sick child" derived pleasure from the small world of their own longing, when poetic hearts beat of their own accord, this whole matter was no one's concern. But suddenly, almost overnight, the desire to be saved from the Yiddish world has spread like an epidemic—there is total panic and alarm. The phenomenon has become a mass movement and therefore it has to be analyzed—the professional Yiddish psychologists, sociologists, criticologists must come to a conclusion. A "campaign" has started; we make pilgrimage to poor Asch. Just as Yiddish actors once did, so too do Yiddish writers go en masse to the gentiles.

Scratch any Jew and out leaps a vulgar assimilator. He is ready to give up everything he owns, his book, his newspaper, his language, all for the sake of Tatar, Albanian, Bulgarian, or with due distinction, the Holy Tongue. Apart from being a born assimilator, the Yiddish writer is also a nervous perambulator; he never stops moving. He goes over to the Hebraists, to the Communists, to ICOR,[8] or else he goes right over to the gentiles.

We want, above all, to threaten the Yiddish reader: So you don't want to buy Yiddish books? Then, damn you, you'll be left without spiritual sustenance. Vaynper has *already* translated his book of poems into English,[9] Talush has *already* translated his

---

[5]The work of Morris Rosenfeld, the socialist Yiddish poet who became very popular among the Jewish working class of New York in the late nineteenth and early twentieth century, was translated into German in the 1890s, and into English (*Songs of the Ghetto*) as early as 1900. His poems and songs were popular in socialist and radical circles.

[6]Kutno, Poland (Kutne in Yiddish) is where Sholem Asch was born.

[7]Maxim Gorky, the Soviet-Russian writer, was a great supporter of Asch's work.

[8]An acronym for the Organization for Jewish Colonization in Russia (Yidishe kolonizatsie organizatsie in Rusland), a communist-sponsored group that supported settlement in Birobidzhan.

[9]Zishe Vaynper, published in English as Zion Weinper, was a Yiddish poet associated with the Proletpen group, a collection of left-wing Yiddish writers. His book of poems, translated into English as *At the Rich Man's Gate: Poems*, was published in 1935.

novel into English,[10] Sackler has *already* written a novel on his own in English,[11] and they guarantee me that more are on their way, marching off to the "young Israel" goy or to other "English-speaking" types.

Right before our eyes a great—if not historical (or at the very least hysterical)—movement is taking place to save ourselves from Yiddish and from the Yiddish reader (?), to flee to where black pepper grows and citruses bloom.

And if Asch's first quadrilles around his translators are already history then we're seeing now with our own eyes how sloppy it has become. We see not how the translation is done but how one coddles and babies a translator. We see how one hammers on the backdoors of great literatures: Save us! Fire! Open up! Help! Open sesame!

We see how a whole industry is growing. A Yiddish writer has to practice all forms of idol worship. He has to be sure to have a Yiddish reputation in Birobidzhan and a gentile one in Washington Heights.

I have the friendliest of feelings towards Vaynper. I marvel at his ubiquitousness, his (over)ambition, his diligence, his self-conscious stride, his practical and sober view of literature, his philosophical claim that if one doesn't have a good time in this world then who cares about the next world; if you're not going to be great in life then you're going to be a dead lion when you're dead.[12] That is why he's created his own amazingly productive writing industry: poetry books and portraits of writers associated with Vaynper; not just a single poem about the Land of Israel but a whole book; not just a single poem about Birobidzhan but a whole book. I am jealous of such industriousness and I take off my hat and call out three cheers.

But now I don't want to talk about the Yiddish Vaynper but about the new English poet, "Mr. Zion Weinper," who was honored with a banquet for the publication of his book of poems in English. And what a banquet! His Yiddish escorts to the "baptism" blessed each other: "God willing it should happen to you too!"

These escorts should be listed here for historical purposes, just as they appeared on the invitation from the organizing committee: Dr. A. Eysen,[13] B.Y. Byalostotski,[14] Yosef Opatoshu,[15] Dr. S. Margoshes,[16] Dr. A. Karolnik.[17] I didn't recognize the other

---

[10]Iser Muselevich was widely known as a Yiddish novelist and short story writer who used the pen name Talush. His novel *The New Bethlehem* was translated into English and published in 1935.

[11]. Hirsh Sekler, known in English as Harry Sackler, wrote in Yiddish, Hebrew and English in a variety of genres, and gained popularity as a playwright. His novel *Festival at Meron* appeared in English in 1935.

[12]. A reference to Kohelet 9:4: "For to him that is joined to all the living there is hope: for a living dog is better than a dead lion."

[13]. A. Eysen was a Yiddish poet who translated frequently from English into Yiddish, including well-known translations of Shakespeare, Byron, Tennyson, and Longfellow. A book of translations of Walt Whitman, entitled *Valt Vitman: finf un tsvantsik lider*, was published in 1934.

[14]. B.Y. Bialostotski was a Yiddish poet and essayist.

[15]. Yosef Opatoshu was a central figure in the New York Yiddish literary community, a founding member of *Di yunge* and then later his own left-wing offshoot. He was primarily a writer of

names—they were presumably great English authors of whom, in my ignorance, I have never heard.

It's too bad that I wasn't there to observe the happy occasion with my own eyes, how his "talent was recognized," as the invitation claims. Dear Vaynper, it's too bad that I wasn't able to personally express my gratitude to you for taking on the difficult mission of being the pathbreaker to the gentiles for all of us. Of course, out of great modesty, you began this mission with a book of your own poetry.

But now that we have this panic, this exodus, this desire to conquer new continents, what can we do with it? How can we reduce this burlesque into something honest? Of course, as we've already said, the Yiddish sociologists, criminologists, archeologists, and criticologists will soon come to their conclusions. They will speak about a new mass of Yiddish-English readers that want spiritual Jewish nourishment, and they want it in nothing less than the language of the country that stands with its back to Kalmanovitsh's Bronx plays[18] and with its face toward Clifford Odets on Broadway.[19] An audience that sits with yarmulkes, sings Sabbath melodies, and wants all of Jewishness to be poured out before it in English. Such an audience must be served in a timely manner; skilled professionals and literary gold-spinners have already taken a look into the matter to see what can be done with this new linguistic hermaphrodite—this is what the criticscriticologists will write.

If there really is a desire for a Yiddish word, in World Literature in general and in English literature in particular, then my deaf ears have not yet caught it.

But we who are not criticscriticologists, who are simply opposed to the tragic spectacle of a reader who runs to the gentiles and a writer who chases after him, grabbing him by the coattails pleading: "Mister, we know English too"—we want to speak here about two systems of literature. One is the way of the lucky rabbits. They know exactly which road to take.

---

naturalist fiction. His monumental work of historical fiction, *In poylisher velder* (1922), would be translated into English as "In Polish Woods" in 1938.

[16]Samuel Margoshes was a journalist and editor of the Yiddish newspaper *Der tog*. He also served as a member of the American Jewish Congress, and was a prominent Labor Zionist. He would go on to edit an important anthology of Holocaust literature in English with Glatstein in 1962.

[17]Abraham Coralnik (as his name was spelled in English) was originally an editor of Theodore Herzl's newspaper *Die Welt*, was a senior minister in the short-lived first Soviet government, and then finally a columnist for the New York Yiddish daily *Der tog*.

[18]Harry Kalmanovitch was a Yiddish playwright who became popular in the 1920s and 1930s. He was also a prolific translator of popular theater from English into Yiddish.

[19]Clifford Odets was an American, English-language playwright born to Yiddish speaking parents, who became well-known in the 1930s when writing plays for the New York based theater collective *The Group Theater*. His first well-known works, *Waiting for Lefty* and *Awake and Sing!* were performed in 1935.

*Vayoymer*—he said—*Adoyshem*—God—*el*—to—*Moyshe*—Moyshe—*daber*—speak—*el*—to—*Yisroel*—Israel—[20]

Look how easy it is to translate. They went right to suckling from their mother's breast: an easy language with a range no smaller than the whole world's heart. The world's heart beats in Esperanto. One is jealous in Esperanto, one is revived in Esperanto, one dies in Esperanto. International emotions plus a fabula, a story to tell plus simple language—this is the direct path to success. The world-writer writes plain internationalisms; he writes in his language but with his eye always on all the other languages of the world. He writes toward Babel with the "blood of his heart"—and blood too is a kind of Esperanto, understood by cannibal and Hitlerite alike.

Lately there has been a lot of talk about "Basic English." A compact English of about 800 words in simple, childish, and clumsy sentences so that foreigners can quickly and without difficulties make themselves intelligible to Americans; there is even a push to make Basic English an international language, a new Esperanto.

Asch, the only widely translated Jew, has discovered this secret of Basic English: a vocabulary of about 800 words in simple, childish, uncomplicated sentences, so that the story can be translated word for word, like *Vayedaber*—he said—*Moyshe*—Moyshe.

There is however a second system. There are those writers who chew themselves directly into the language in which they write. Their own language is a constant wonder to them, they continue to discover secrets in the language, they gnaw at the very last drops of the medium itself. Just as paint becomes a painter's subject so too language becomes a writer's paint or clay, and the writer soon forgets the dream of worldliness while caught up in the game of language. Such a writer is often harder to translate, he is too enmeshed in his own words; you need strange instruments to tear him out of his language, and you are left not with a translation but a kind of obstetrics—he must be torn from his mother's stomach. The world does not bow down to such writers because one would need to first take a stroll in a foreign world, a world where a word and its meaning are magically tied together, a unique world that breathes on you with a strange kind of epic and with strange lullabies from a strange mother tongue. Such a writer cannot scratch out a melodramatic life and deliver it with a tear on a golden plate; he digs deeper, he is the cold master and therefore he must seem bizarre to the foreigner when he first comes upon him; and who wants to take that step closer to a bizarre literature and struggle with all the prejudices of foreignness.

If you will, this second kind of art is national art. If you will, it is Proust, Joyce, Pushkin, Gogol, Sholem Aleichem, Bialik. The world has perhaps heard their names for some reason or another, but they have had no great luck in the world because as great writers they have sought their freedom in the narrowest discipline of their own language, measuring out words like pharmacists, working within the possibilities or limits of their own tongue. And what difference does it make if Pushkin, Bialik or Joyce cannot be easily transposed into foreign languages where it is impossible capture the

[20]Glatstein mimics here the process of traditional rote learning in the cheder, called *taytsh*, where each word was translated literally by the teacher from biblical Hebrew into the Germanic stratum of Yiddish .

evaporating original scent of each word? Who cares if a great Albanian or a great Romanian poet remains unknown in Alaska? After all, what meaning can one claim for international ideals transmitted through literature in the light of a world literature that kept refining itself more and more until it produced Hitlerism and Mussolinism? The world-writer who anticipates a world-clientele has to be his own first translator, he has to simplify difficulties on the spot, he has to flatten profundities so that the second translator can come and say the magic words: "Look, it is as much Jewish as it is Christian!"

But it is not true—there are fundamental differences that aren't worth the pay.

Which is the right path: Joyce[21] or Thomas Mann?[22] Werfel[23] or Proust? Asch or Sholem Aleichem? Who knows?

It's so appalling to watch tens of thousands of pale hands grabbing at the Nobel Prize; it is disgusting to see how each line bawls out to be known the world over; it is ridiculous to see how even on our Jewish streets people rush en masse to translate everything into the world's languages, as if Yiddish were in its last hours. And maybe it is the last hours for Yiddish and they have sensed it with their economically sharp literary senses.

And to conclude: I once saw *Emanuel Noyekh*,[24] a play by H. Sackler. I really enjoyed the dialogue; worldly and smart—ladies and gentlemen speaking and it was good to hear them. No pretense to worldliness, just the speech of men who are at home with Shakespeare and take pleasure in Heine's fine poetry. The play had a short run and that saddened me. I said as much to Sackler many times, expressing my sorrow.

And I have thought often of Sackler's dramatic works in general. About his *Ashmadai*, *Emanuel Noyekh*, about his fine chamber music one-act "The Seer Looks at his Bride." What is missing from these plays that prevents them from achieving some truth or attaining greatness?

It has become a bit clearer to me now after having read that Sackler has written an English novel. I have decided that what stands between Sackler and greatness is his polyglot pen that goes so easily from Hebrew to Yiddish, from Yiddish back to Hebrew, and from both to English. The multilingual tongue cannot have a strong connection to the word since it lacks rootedness. It jumps from language to language without warmth

---

[21] Glatstein was the author of the parody "If Joyce Wrote in Yiddish" [Ven dzoys volt geshribn yidish] *Inzikh* 5 (July 1928): 68-70.

[22] Thomas Mann received the Nobel prize in 1929, primarily based on the "world masterpieces" of *Buddenbrooks* and *The Magic Mountain*, both translated into English in the late 1920s. *The Magic Mountain* was translated into Yiddish by Isaac Bashevis Singer in 1930.

[23] Franz Werfel was an Austrian-Bohemian novelist, most famous among Jewish circles (across the globe) for his novel *The Forty Days of Musa Dagh*, which appeared in English translation the same year it appeared in German in 1933. The novel describes the Armenian Genocide during WWI but also includes clear references to the suffering of the Jews in Europe. The novel would go on to have a large influence on Jewish resistance groups during WWII and on armed groups in Palestine during the British mandate. The novel was translated into Hebrew in 1934.

[24] Glatstein is likely referring here to Sackler's play "Mayor Noyekh" [Major Noah], staged by Maurice Schwartz in New York in 1929.

for the word itself but instead with an easy and practical philosophy in which the most important thing is not speech but the general meaning.[25]

What nation has produced artists in three languages? What people has experienced so many language-anxieties? What literature has writers who constantly try to catch the golden fish of world recognition?

As a child, Pushkin flirted with French but he fell into the hole of Russian and became the national Russian poet. Many writers, mainly poets, have flirted from time to time with other languages. But it is never more than a flirtation; his own word always returns as his mother and father, as his home, and he finds the patience to wait for his portion of eternity.

Keats, who suffered more than any other poet, did not look to save himself with French or Turkish when he had no readers and when the critics sucked his blood. The impetuousness of the Jewish mentality (if Sackler permits me such a Yiddishized Gemara-word)[26] has severed the natural process of Yiddish literature hundreds of times. From Elye Bokher to this very day, the flow of Yiddish has been directed down so many channels because of so many external, invented, assimilated, and false explanations and chicaneries.

Therefore we remain at the end of the day still stuck on the ABC's of literary worth and so perhaps we need to stand and salute Mr. Z. Weinper's English book of poems *At the Rich Man's Gate*, wishing with tears in our eyes:

"God willing, we too will live to see such happy English occasions!"

# דער מאַרש צו די גויים

די ערשטע, אָדער כּמעט די ערשטע פֿראַגע, וואָס בערגעלסאָן האָט מיר געשטעלט, איידער ער האָט נאָך צײַט געהאַט זיך צו באַקענען מיט מיר אָפֿיציעל, איז געווען: „מען זאָגט אויף אײַך, אַז איר זײַט יאַקבי באַקאַנט מיט די ענגלישע ביכלעך, ווי אַזוי קען מען אַרויסגעבן „מידת־הדין“ אין ענגליש?“

און ס׳איז אַוועק אַ געשפּרעך וועגן ענגלישן פֿאַרלאַג־וועזן, איבערזעצונגען, „סאַקסעס“, „בעסט־סעלערס“, צוטריט, אויפֿגעפּראַלטע טירן צו אַ גרויסער וועלט.

---

[25]Here Glatstein flips the meaning of the Yiddish saying, "Reydele yak reydele, abi dobre meynele." The phrase is roughly equivalent to the English phrase "It's the thought that counts" more than what is actually said. Here Glatstein claims that it is precisely the concentration on the generalized thought and not on the words themselves that prevents Sackler's work from achieving universal value.

[26]Glatstein uses here the word "pezizedikayt" from the Aramaic *pezize*, meaning impetuous and rash.

איז דאָס נישט קיין עוולה. אַ שרײַבער מעג טראַכטן וועגן אַ גרויסער אוידיטאָריע, וואָס קומט טרינקען פֿון זײַן קרעניצע. אמת, איך האָב געמיינט, אַז אַזעלכע זאַכן דאַרפֿן געטאָן ווערן צניעותדיקער, איך האָב זיך אויסגעמשלט אַ גרויסן ייִדישן שרײַבער ערגעץ אין מינסק, אין פּינסק, אין לאָדזש, לובלין, אָדער כעלם און אַ גרויסן וועלט־מבֿין און וועלט־איבערזעצער, אויף דעם סאַמע קראַטער פֿון פּאָפּאָקאַטעפּעטל. צווישן דיביידע איז נישטאָ קיין קאָנטאַקט, אויסער „האַרץ־וויבראַציעס“, און פּלוצלינג קלאַפּט דער וועלט־איבערזעצער אָן זײַן פֿאַרגויעשטע איבער־זעקס־פֿוס פֿיגור, נעמט אַרונטער דעם צילינדער און פֿאַלט צו די פֿיס: גרויסער אַלערגרעסטעסטער איזראַעליטישער שריפֿטשטעלער! די וועלט וואַרט אויף דײַן ייִדיש וואָרט! — טרערן פֿון גליק, דער שרײַבער פֿאַלט דעם וועלט־איבערזעצער אין די אָרעמס און ביידע זינגען עוד לא אָבֿדה תּקוותנו.

אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, דאַרף דאָס געטאָן ווערן אַ ביסל אַנדערש. ווײַל וואַרטנדיק אויף דעם וועלט־איבערזעצער, האָט די ייִדישע ליטעראַטור, ביז דעם הײַנטיקן טאָג, געשענקט דער וועלט בלויז איין שלום אַש. (כאָטש דאָ מוז מען אַרונטעררעכענען די איצטיקע מאַשינאָווע און אויטאָמאַטישע איבערגיסונגען פֿון „גוטשטייענדיקע“ ייִדישע שרײַבער אין רוסיש, רויט־רוסיש און ווײַס-רוסיש) שלום־עליכם איז טאַקע שטאַרק פּאָפּולער אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער מנחם מענדל איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין וועלט־באַגריף און כאָטש מען זאָגט, אַז מאָריס ראָזנפֿעלד איז איבערגעזעצט געוואָרן אַפֿילו אויף יאַפּאַניש, האָט מיר נאָך קיין מאָל נישט געטראָפֿן, אַז אַ יאַפּאַנער זאָל מיט זײַן — אָ האַיאָ גאָזײַמאַס, (גוט מאָרגן) אָדער מיט זײַן קאָמבאַן וואַ (גוטן אָוונט) מיר גלײַך פֿאַלן אויפֿן האַלדז און זיך צעקושן מיט מיר, צוליב אונדזער „געמיינשאַפֿטלעכן“ מאָריס ראָזענפֿלעד.

און וואָס שייך שלום אַשן אַליין, זאָגט מען אויך, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געווינט אַזוי ווײַט פֿון זײַן איבערזעצער, ווי ווײַט עס איז קוטנע פֿון אַדיס אַבאַבאַ. וויפֿל „פּראָטעקציע“ עס איז נייטיק געווען פֿאַר דעם יונגן אַש, ביז גאָרקי האָט אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע און געזאָגט שלום אַש, לאָז איך איבער פֿאַר זײַנע ביאָגראַפֿן. דאָס איז שוין אָבער געשיכטע און אַש איז איצט אַש, דער איין־און־איינציקער, דער געקרוינטער. אין דער ייִדישער פֿאַרזענער ליטעראַטור דרייען זיך אַרום אַ סך אַשעלעך, וואָס חלשן מען זאָל דערציילן דער וועלט אַז זיי זענען אויך דאָ. איך ווייס אַפֿילו פֿון שרײַבער, וואָס שיקן זייערע ביכער צו אַשן — אפֿשר וועט ער זיך מרחם זײַן און דערציילן די גויים, אַז זיי זענען בפֿירוש אויך דאָ, אָבער אַש קען מאַכן אַ שווײַג, ער קאָן האַלטן אַ סוד, אים איז גוט אַרונטערצוקוקן אויף זײַן ליב, אָבער טאַלאַנטן־אָרעם פֿאָלק ישׂראל.

ווען די געפֿילן פֿון „קראַנקן ייִנגל“ האָבן זיך אויסגעלעבט אין די דלתּ אַמות פֿון אייגענער לעכצניש, ווען די דיכטערישע הערצער האָבן געקלאַפּט פֿאַר זיך, איז עס נאָך אַלץ נישט געווען קיינעמס דאגה. אָבער מיט אַ מאָל, ווי איבערנאַכט, איז דאָס געוואָרן אַן עפּידעמיע, אַ פּאַניק, אַ בהלה, אַ ווען ראַטעווען זיך פֿון ייִדישקייט. עס איז געוואָרן אַ מאַסנבאַוועגונג און דערפֿאַר מוז מען עס שוין פֿאַרצייכענען — זאָלן די פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישע פּסיכאָלאָגן, סאָציאָלאָגן, קריטיקאָלאָגן ציִען זייערע שלוסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „פּחד“ — מען גייט נעבעך אויף דעם אָרעמען אַש. ווי אַ מאָל די ייִדישע אַקטיאָרן, גיין איצט די ייִדישע שרײַבער מאַסנווײַז צו די גויים. גיט אַ קראַץ אַ ייִדן און עס שפּרינגט אַרויס אַ ווולגאַרער אַסימילאַטאָר. ער איז גרייט אויפֿצוגעבן זײַן האַק און פּאַק, זײַן בוך, זײַן צײַטונג, זײַן שפּראַך צוליב טאָטעריש, אַלבאַניש, בולגאַריש, אָדער, להבֿדיל, לשון־קודש. אַ ייִדישער שרײַבער איז אַחוץ דעם אײַנגעבוירנעם אַסימילאַטאָר, נאָך אויך אַ נערוועזער גייער. רק ער האַלט אין איין גיין. ער גייט צו די העברייער, ער גייט צו די קאָמוניסטן, ער גייט צו דעם איקאָר, אָדער ער גייט גאָר אַוועק צו די גויים. ווילן מיר דאָ קודם כּל אַרויסלאָזן אַ סטראַשוניק צום ייִדישן לעזער: איר ווילט נישט קויפֿן קיין ייִדישע ביכער? איז — אַ מיצווה אויף אײַך, מען וועט אײַך אין גאַנצן איבערלאָזן אָן גײַסטיקע פֿיטערער. ווײַנפּער האָט שוין איבערגעזעצט זײַנס אַ בוך לידער אין ענגליש, תּלוש האָט שוין איבערגעזעצט זײַנס אַ ראָמאַן אין ענגליש און מיר קאַווירן אַז עס קומען נאָך און נאָך, וואָס ווען אַוועקמאַרשירן צו דעם „יאָנג־איזראַעל“ – גוי, אָדער צו אַנדערע „ענגליש־שפּרעכנדיקע“ עלעמענטן.

פֿאַר אונדזערע אויגן קומט פֿאָר אַ גרויסע, אויב נישט קיין היסטאָרישע, איז לכל־הפּחות, אַ היסטערישע באַוועגונג זיך צו ראַטעווען פֿון ייִדיש און פֿון ייִדישן לעזער (?) און אַוועק ווּ דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט, אָדער ווּ די ציטראָנען בליִען.

און אויב אַשס ערשטע קאַדרילן אַרום זײַנע איבערזעצער זענען שוין געשיכטע, זעען מיר איצט מיט אונדזערע אייגענע אויגן, ווי טאַנדעטנע דאָס ווערט געמאַכט. מיר זעען, נישט ווי מען זעצט איבער, נאָר ווי מען כאָוועט אויס, מען ניאַנטשעט אויס אַן איבערזעצער און מען לאָזט זיך איבערזעצן. מיר זעען ווי מען האַמערט די הינטערטירן צו די גרויסע ליטעראַטורן: ראַטויטיע! פּאָזשאַר! אָטוואָריטיע! העלפּ! עפֿן זיך, סעזאַמע!

מיר זעען, ווי עס וואַקסט אַ גאַנצע אינדוסטריע. אַלע עבֿודה־זרות דאַרף אַ ייִדישער שרײַבער דינען. ער מוז זיך פֿאַרזאָרגן מיט אַ ייִדישער רעפּוטאַציע אין ביראָבידזשאַן און מיט אַ גויעשקער אין וואַשינגטאָן הײַטס.

איך האָב צו ווײַנפּערן די פֿרײַנדלעכסטע געפֿילן. איך באַוווּנדער זײַן אומעטומיקייט, זײַן נאָך און נאָך אַמביציע, זײַן פֿלײַס, זײַן באַוווּסטזיניקן שפּאַן, זײַן פּראַקטישן און ניכטערן קוק אויף דער ליטעראַטור, זײַן פֿילאָסאָפֿיע, אַז אויב מען כאַפּט נישט אַרײַן, איצט בײַם לעבן, אַ ביסל עולם־הזה, איז נאַפּליוואַט אויף עולם־הבא, אויב מען ווערט נישט גרויס בײַם לעבן, איז מען אַן אַריה מת נאָכן טויט. דערפֿאַר זײַן שעפֿערישע שרײַב־אינדוסטריע, לידער־ביכער, פּאָרטרעטן פֿון שרײַבער אַרום ווײַנפּערן, נישט קיין ליד איבער ארץ־ישׂראל, נאָר אַ גאַנץ בוך, נישט קיין לידל איבער ביראָבידזשאַן, נאָר אַ בוך. איך בין מקנא אַזאַ מעטאָדישקייט און איך וואַרף מײַן היטל און שרײַ „אָך“ דרײַ מאָל.

איך וויל אָבער איצט רעדן נישט וועגן דעם ייִדישן ווײַנפּער, נאָר וועגן דעם נײַעם ענגלישן פּאָעט „מר. זײַאָן ווײַנפּער“, וועלכער האָט געקראָגן אַ באַנקעט לכּבֿוד דעם דערשײַנען פֿון זײַן בוך לידער אין ענגליש. עס איז געווען שוין איין מאָל אַ באַנקעט! זײַנע ייִדישע אונטערפֿירער צום „טויף“ האָבן זיך געוווּנטשן, איינער דעם אַנדערן: „ אם־ירצה־השם בײַ אײַך!“

זאָלן דאָ די היסטאָרישע אונטערפֿירער דערמאָנט ווערן, ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אין צעטל פֿון דעם אַראַנזשיר־קאָמיטעט: דר. א. אײַסען, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יוסף אָפּאַטאָשו, דר. ש. מאַרגאָשעס, דר. א. קאָראַלניק, די אַנדערע נעמען קען איך נישט –– זיי זענען מסתּמא גרויסע ענגלישע שריפֿטשטעלערס, פֿון וועלכע איך האָב, בײַ מײַן עם־הארצות, לײַדער קיין מאָל נישט געהערט.

אַ שאָד, וואָס איך בין דאָרט נישט געווען צוצוזען מיט די אייגענע אויגן די גרויסע שׂימחה ווי „זײַן טאַלאַנט ווערט אַנערקענט“, לויט דעם לשון אין דער אײַנלאַדונג. ליבער ווײַנפּער, אַ שאָד וואָס איך האָב דיר פּערזענלעך נישט געקענט אויסדריקן דעם דאַנק פֿאַר נעמען אויף זיך די שווערע מיסיע צו זײַן דער וועג־ברעכער צו די גויים פֿאַר אונדז אַלעמען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דײַן גרויסער באַשיידנקייט, האָסטו אָנגעפֿאַנגען מיט דײַנס אַן אייגן בוך לידער.

אָבער איצט אַז מיר האָבן שוין דעם פּאַניק, דעם עקזאָדוס, דעם ווילן אײַנצונעמען נײַע קאָנטינענטן, וואָס קענען מיר טאָן דערמיט? ווי אַזוי קען מען דעם בורלעסק רעדוצירן צו אַן ערנסט? איז, ווי געזאָגט: די ייִדישע סאָציאָלאָגן, קרימינאָלאָגן, אַרכעאָלאָגן, און קריטיקאָלאָגן וועלן שוין ציִען זייערע שלוסן. זיי וועלן רעדן וועגן דער נײַער מאַסע פֿון אַ ייִדיש־ענגליש לעזנדיקן פּובליקום, וואָס וויל גײַסטיקע ייִדישע שפּײַז, דווקא אויף דער שפּראַך פֿון דער מדינה, וואָס שטעלט זיך מיט דעם רוקן צו קאַלמאַנאָוויטשעס בראָנקסער פּיִעסן און קומט דווקא צו קליפֿאָרד אָדעטסן אויף בראָדוויי. אַ פּובליקום וואָס זיצט אין אַ יאַרמלקע, זינגט זמירות, און וויל אַז מען זאָל פֿאַר אים שוין איבערגיסן דאָס גאַנצע ביסל ייִדישקייט אין ענגליש. אַזאַ פּובליקום מוז בײַ צײַטן געסאַרווערט ווערן און ס׳האָבן זיך שוין אַ לאָז געטאָן אויף דעם וועג געניטע געשעפֿטלײַט און ליטעראַרישע גאָלדשפּינער, צו זען וואָס מען קען טאָן מיט דעם נײַעם שפּראַכלעכן הערמאַפֿראָדיט – אַזוי וועלן שרײַבן די שלוסנציִער.

אויב ס׳איז טאַקע דאָ אַ דראַנג, אין דער וועלט־ליטעראַטור בכלל, און אין דער ענגלישער ליטעראַטור בפֿרט, פֿאַר אַ ייִדיש וואָרט, האָבן מײַנע טויבע אויערן דעם דראַנג נישט פֿאַרנומען.

מיר אָבער, וואָס זענען נישט קיין שלוסנציִער, נאָר עס איז אונדז גלאַט דערווידער דער טרויעריקער ספּעקטאַקל פֿון אַ לעזער, וואָס אַנטלויפֿט צו די גויים און פֿון אַ שרײַבער, וואָס לויפֿט אים נאָך און כאַפּט אים בײַ דער פּאָלע מיט תּחנונים: מיסטער, מיר קענען ענגליש אויך – מיר ווילן דאָ רעדן וועגן צוויי שיטות אין דער ליטעראַטור. איין וועג איז דער וועג פֿון די מזלדיקע האָזן. זיי ווייסן גלײַך אויף וואָס פֿאַר אַ וועג מען דאַרף זיך פֿאַרנעמען.

ויאמר – האָט געזאָגט – ה׳ – אַדוישם – אל – צו – משה – מוישע – דבר – דבר – אל – צו – ישׂראל – ייִסראָעל – ווי לײַכט עס לאָזט זיך איבערזעצן. זיי האָבן גלײַך מיט דער מאַמעס ברוסט אַרײַנגעזויגן: לײַכטע שפּראַך און נישט מינער פֿון גאַנצן וועלטהאַרץ. דאָס האַרץ פֿון דער וועלט קלאַפּט אויף עספּעראַנטאָ. מען איז אייפֿערזיכטיק אויף עספּעראַנטיש, מען ליבט זיך אויף עספּעראַנטיש און מען שטאַרבט זיך אויף עספּעראַנטיש. אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע עמאָציִעס פּלוס אַ פֿאַבולע, אַ מאַסע צו דערציילן און פּלוס אַ לײַכטע שפּראַך איז דער וועג דירעקט צו דערפֿאָלג. דער וועלט־שרײַבער שרײַבט גלײַך אינטערנאַציאָנאַליש, ער שרײַבט אויף זײַן שפּראַך, אָבער די גאַנצע צײַט מיט אַן אויג צו אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט – צום בבֿל, ער שרײַבט מיט דעם „בלוט פֿון זײַן האַרצן“ און בלוט איז אויך אַ שטיק עספּעראַנטאָ, וואָס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אַ קאַניבאַל, ווי פֿאַר אַ היטלעריסט. לעצטנס רעדט מען שטאַרק וועגן „בייסיק אינגליש“. אַ תּמצית־ענגליש פֿון בלויז 800 ווערטער אין לײַכטע קינדערשע אומבאַהאָלפֿענע זאַצן, כּדי יעדער אויסלענדער זאָל זיך גלײַך אָן שוועריקייטן קענען אויסלעכן און זיך פֿאַרשטענדיקן מיט אַן אַמעריקאַנער, מען וויל אַפֿילו פֿון דעם בייסיק־ענגליש מאַכן אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, אַ נײַעם עספּעראַנטאָ.

אַש, דער איינציקער ברייט־איבערגעזעצטער ייִד האָט דערפֿונדן דעם סוד פֿון בייסיק־ייִדיש: אַרום 800 ווערטער און לײַכט קינדערשע אומבאַהאָלפֿענע זאַצן, אַזוי אַז די מאַסע לאָזט זיך גלײַך איבערזעצן ווי וידבר – האָט גערעדט – משה.

פֿאַראַן אַ צווייטע שיטה. פֿאַראַן אַזעלכע שרײַבער, וואָס פֿרעסן זיך אײַן דירעקט אין דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי שרײַבן. זייער אייגן לשון איז פֿאַר זיי אַ כּסדרדיקער ווּנדער, זיי האַלטן אין איין אויפֿפּראַלן געהיימען אין דער שפּראַך, זיי נאָגן אויס ביז צום לעצטן טראָפּן דעם מעדיום אַליין — ווי פֿאַרב אַליין ווערט אַן עניין בײַם מאָלער, אַזוי ווערט שפּראַך, שרײַבערישע פֿאַרב, אָדער שרײַבערשער ליים אַן עניין בײַם שרײַבער, וואָס פֿאַרגעסט אין גרויסן שפּיל דעם חלום פֿון אַ ברייטוועלטלעכקייט. אַזאַ שרײַבער איז אָפֿט שווערער איבערצוזעצן, ער איז צופֿיל פֿאַרוועבט אין יעדן וואָרט זײַנס, רײַסט אים אָפּ פֿון זײַן שפּראַך און איר מוזט נוצן אינסטרומענטן, עס איז נישט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ שטיק אָבסטעטריק, מען מוז אים אַרויסרײַסן פֿון דער מאַמעס בויך. צו אַזעלכע שרײַבער פֿאַלט די וועלט נישט צו, ווײַל מען מוז פֿריִער אַרײַנשפּרײַזן אין אַ פֿרעמדער וועלט, אַ וועלט ווו וואָרט און אינהאַלט זענען מאַגיש פֿאַרקניפּט, אַן אייגנטימלעכע  וועלט, וואָס אָטעמט אויף זיך מיט אַ פֿרעמדן עפּאָס און מיט פֿרעמדע וויגלידער פֿון אַ פֿרעמדער מוטערשפּראַך. אַזאַ שרײַבער קען נישט אַרונטערקראַצן דאָס מעלאָדראַמאַטישע פֿון לעבן און עס דערלאַנגען מיט אַ טרער אויף אַ גילדענער טאַץ, ער גראָבט טיפֿער, ער איז דער קילער מײַסטער און דערפֿאַר מוז ער פֿאַר דעם פֿרעמדן, אויף דעם ערשטן אויגנבליק, אויסקוקן ביזאַר, און ווער וויל עס צוטרעטן נענטער צו ביזאַרער ליטעראַטור, באַקעמפֿנדיק אין זיך אַלע פֿאָראורטיילן צו פֿרעמדקייט בכלל.

אויב איר ווילט איז די צווייטע שיטה נאַציאָנאַלע קונסט. אויב איר ווילט איז דאָס פּרוסט, דזשויס, פּושקין, גאָגאָל, שלום־עליכם, ביאַליק. די וועלט האָט אפֿשר געהערט אויסקלינגען זייערע נעמען צוליב דער אָדער אַן אַנדערער אורזאַך, אָבער קיין מזל צו דער וועלט האָבן זיי נישט, ווײַל ווי גרויסע קינסטלער, האָבן זיי געזוכט די גרויסע פֿרײַהייט אין דער ענגסטער דיסציפּלין פֿון דעם אייגענעם לשון, זיי האָבן עס געוויגן ווי אָפּטייקער, זיי האָבן געאַרבעט מיט ווערטער און זיי האָבן זיך באַגרענעצט מיט די מעגלעכקייטן, אָדער באַגרענעצונגען פֿון דער אייגענער שפּראַך. און וואָס פֿאַר אַ נפֿקא־מינה איז עס, אויב פּושקין, ביאַליק אָדער דזשויס, קענען זיך נישט אַזוי

לײַכט אַריבערגיסן אין פֿרעמדע שפּראַכן, פֿון יעדן באַזונדערן וואָרט? ווען מען אַרט אויב אַ גרויסער אַלבאַנישער, אָדער אַ גרויסער רומענישער דיכטער, איז נישט באַקאַנט אין אַלאַסקע? וואָס מיינען בכלל וועלט־אידעאַלן, געגעבן דורך ליטעראַטור, אין ליכט פֿון אַ וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט געאײדלט און ענדלעך דערפֿירט צום היטלעריזם אָדער מוסאָליניזם? דער וועלט־שרײַבער, וואָס קוקט גלײַך אַרויס אויף אַ וועלט־קליענטעל מוז ווערן זײַן אייגענער ערשטער איבערזעצער, ער מוז שוין, אויפֿן אָרט, נעמען שווערקייטן און זיי פֿאַרלײַכטערן, ער מוז נעמען טיפֿקייטן און זיי פֿאַרפֿלאַכן, כּדי עס זאָל קענען קומען דער צווייטער איבערזעצער און ער זאָל גלײַך קענען אַרויסקומען מיט דער שפּראַך: זע נאָר, זע, ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך!

עס איז אָבער נישט אמת, עס זענען דאָ גרונטאָוונע אונטערשיידן, וואָס לוינען זיך אָבער נישט פֿאַר דער קאָמערץ. וועלכער איז דער וועג — דזשויס, אָדער טאָמאַס מאַן? ווערפֿעל, אָדער פּרוסט? אַש, אָדער שלום־עליכם? ווער ווייסט?

עס איז בלויז פּריקרע צו זען, ווי צענדליקער טויזנטער בלייכע הענט ציִען זיך צום נאָבעל־פּרײַז, עס איז ווידערוויליק צו זען, ווי פֿון יעדער שורה שרײַט אַרויס דראַנג נאָך וועלט־אָנערקענונג, און ס׳איז בלויז לעכערלעך צו זען, ווי בײַ אונדז אויף דער אייגענער גאַס, האָט מען זיך שוין אויך אָנגעהויבן מאַסנווײַז איבערצוזעצן אויף וועלט־שפּראַכן, אַזוי אימפּעטיק, ווי ס׳וואָלט געהאַלטן בײַ נעילה מיט ייִדיש, און אפֿשר האַלט עס טאַקע בײַ נעילה און זיי מיט זייער שאַרפֿן געשעפֿטלעך־ליטעראַרישן חוש האָבן עס דערשנאַפּט.

און צום שלוס: איך האָב אַ מאָל געזען „עמנואל נח“, אַ דראַמע פֿון ה. סעקלער. מיר איז זייער געפֿעלן דער דיאַלאָג — וועלטלעך־קלוג, דאַמען און מענער רעדן און ס׳איז זיי גוט צו הערן; נישטאָ קיין אָנשטעל פֿון וועלטלעכקייט, נאָר טאַקע געשפּרעך פֿון מענטשן, וואָס זענען היימיש מיט שעקספּירן און האָבן הנאה פֿון היינעס שאַרפֿע לידער. די דראַמע האָט געהאַט אַ קורץ לעבן און מיך האָט עס פֿאַרדראָסן. איך האָב עס אַ סך מאָל געזאָגט סעקלערן אַליין, אויסדריקנדיק מײַן באַדויערן.

און איך האָב אָפֿט געטראַכט וועגן סעקלערס דראַמעס בכלל. וועגן זײַן „אַשמדאַי“, וועגן „עמנואל נח“, וועגן זײַן פֿײַנעם קאַמער־מוזיק איינאַקטער „דער זעער זעט זײַן כּלה“. וואָס פֿעלט אָט די דראַמעס צו עכטקייט? וואָס פֿעלט זיי צו גרויסקייט?

איצט איז מיר אַ ביסל קלאָרער געוואָרן, ווען איך האָב געלייענט אַז סעקלער האָט שוין אָנגעשריבן אַן ענגלישן ראָמאַן. איך האָב באַשלאָסן, אַז צווישן סעקלערן און גרויסקייט, שטייט זײַן פֿאָליגלאָטישע פען, וואָס גייט איבער לײַכט און פֿיפֿיק, פֿון העברעיִש צו ייִדיש, פֿון ייִדיש צוריק צו העברעיִש, פֿון ביידע צו ענגליש. די פֿילסשפּראַכיקע צונג קען נישט האָבן קיין צו שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום וואָרט, ווײַל עס פֿעלט די אײַנגעוואָרצלטקייט. זי שפּרינגט פֿון לשון צו לשון אָן וואַרעמקייט פֿאַר דעם וואָרט, נאָר מיט דער לײַכטער און פּראַקטישער פֿילאָסאָפֿיע, אַז נישט דאָס ריידעלע, נאָר דער עיקר איז דאָס „דאָברע מיינעלע.“

ווּ בײַ וועלכע אומות האָבן גרויסע קינסטלער געשאַפֿן אויף דרײַ שפּראַכן, בײַ וועלכע פֿעלקער האָבן קינסטלער אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל שפּראַך־נערוועזיטעט, בײַ וועלכע ליטעראַטורן האָבן די שרײַפֿטשטעלער כּסדר געהאַלטן אין איין וועלן כאַפּן דאָס גאָלדענע פֿישעלע פֿון וועלט־אָנערקענונג?

פּושקין האָט אַלס קינד געפֿלירטעוועט מיט פֿראַנצייזיש, אָבער ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין רוסיש און געוואָרן דער רוסישער נאַציאָנאַלער פּאָעט. אַ סך שרײַבער, הויפּטזאַכלעך דיכטער, האָבן געפֿלירטעוועט פֿון צײַט צו צײַט מיט אַן אַנדער לשון, אָבער נישט מער ווי געפֿלירטעוועט, עס איז אַלע מאָל געווען דאָס אייגענע וואָרט, וואָס איז געווען טאַטע־מאַמע און היים, עס איז געווען געדולד צו וואַרטן אויף פּאָרציעס אייביקייט.

קיטס, דער פֿאַרפּײַניקטסטער פֿון אַלע דיכטער, האָט זיך נישט געזוכט צו ראַטעווען מיט פֿראַנצייזיש אָדער טערקיש, ווען ער האָט געהאַט קנאַפּ לעזער און ווען די קריטיקער האָבן אים פֿאַרצאַפּט דאָס בלוט. די פּזיזהדיקייט פֿון ייִדישן געמיט (אויב סעקלער וועט מיר דערלויבן אַזאַ פֿאַרייִדישט גמרא־וואָרט) האָט הונדערט מאָל אָפּגעהאַקט דעם נאַטירלעכן גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿון אליהו־בחור אָן ביז דעם הײַנטיקן טאָג, איז דער פֿלוס פֿון ייִדיש פּופֿצנהונדערט מאָל פֿאַרקערעוועט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע קאַנאַלכלעך,צוליב פֿאַרשיידענערליי אויסטערלישע אויסגעטראַכטע אַסימילאַטאָרישע אויסריידן און שמד־שטיקלעך.

דערפֿאַר האַלטן מיר נאָך אַלץ אין ליטעראַטור־אָפּשאַצונג בײַ קמץ־אַלף — אָ און דערפֿאַר אפֿשר דאַרפֿן מיר אַלע שטיין און סאַלוטירן מר. זײַאָן ווײַנפּערס ענגליש בוך לידער „עט די ריטש מענס גייט“ ווינטשנדיק זיך מיט טרערן אין די אויגן –
אם־ירצה־השם בײַ אונדז אויף ענגלישע שׂימחות!